ב"ה

אונזער היילינגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת כי תבא / גליון מ"ה

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## הנה ימים הקדושים באים

אט די ווערטער איז די פאסיגסטע צו אנפאנגען ווען מיר באשרייבן די וואך פון די לעכטיגע קינדער פון כתה ב׳ ווען זיי האבן די וואך גאר פלייסיג געלערענט אלע זייערע לימודים מיט א פלייס און א ברען ווי סע פאסט פאר די עלט׳סטע קינדער פון אונזער הייליגע מוסדות.

איבערהויפט האבן זיי די וואך אריינגעלייגט אסאך כוחות און יגיעה זיך צו גרייטן צו דיהייליגע טעג הממשמשין ובאין ווען די געטרייע מלמד הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט״א אט אויסגעלערנט פאר די קינדער די הייליגע ניגונים וואס מיר זינגען און די הייליגע טעג. וואס די לעכטיגע קינדער האבן עס שיין געזונגען יעדן טאג און מיט דעם זיך געגרייט אויף די הייליגע טעג.

דאס איז נאר איינע פון די זאכן מיט וואס די לעכטיגע קינדערלעך גרייטן זיך צו מקבל פנים זיין די הייליגע טעג וואס קומט שוין אט אט אן.

## פרשת כי תבא הערליך אויסגעשפילט און די קינדערגארטן קלאס בקרב מוסדותינו הק׳

די וואך ווען עס גייט די פרשה פון ביכורים האט די חשובע מלמד געוויזן פאר די לעכטיגע קינדערלעך אלע שבעת המינים ווי אלע קינדער האבן עס געקענט זעהן פון דערנאנט און די רבי האט זייער שיין מסביר געווען יעדע זאך וואס עס איז. דערנאך האט די חשובע מלמד הרב שמואל פישער אויסגעשפילט וויאזוי מען האט געגעבן די ביכורים פאר׳ן כהן.

אויך האט מען די וואך אויסגעלערנט פאר די קינדער וויאזוי פונעם אייבערשט׳ן אז עס זאל וואקסן פיינע פרוכט און גרינצייג. און וויאזוי מען דארף דאנקן דעם אייבערשט׳ן פאר׳ן צושטעלן אלע גוטע זאכן פאר די לעכטיגע קינדער.

גלייכצייטיג האט די חשובע מלמד אויסגעלערנט פאר די לעכטיגע קינדער די חשובע מדה פוטן הכרת הטוב נישט זיין קיין כפוי טובה ווען איינער טוט דיר א טובה נאר זיך שיין באדאנקען פאר אים און זאגן ש׳כח.

## כתה א׳ איינגעהילט און א חיות דקדושה

און כתה א׳ האט מען די וואך געהאט אן היסטאריש׳ן וואך ווען מען האט זוכה געווען און א מזל׳דיגע שעה צו מסיים זיין גאנץ ספר שלישי פון תהילים דאס מיינט אז מען האט שוין מסיים געווען דאס יאר די ערשטע דריי פרקים פון תהילים ווען מען גרייט זיך בעז״ה צו מסיים זיין די הייליגע ספר תהילים און א מזל׳דיגע שעה.

ווי אויך האט די חשובע מלמד די וואך ווען מען לערנט און די פרשה ווענן ביכורים האט די חשובע מלמד געברענגט פאר די לעכטיגע קינדערלעך די אלע שבעת המינים און און עס אריינגעלייגט און א קארב ווען די קינדער האבן עס געקענט זעהן פון דערנאנט און דערנאך האט מען עס איבער געגעבן פאר די כהנים פון די קלאס אזוווי עס שטייט און די תורה אז מען דארף טוהן.

ווי דערמאנט פאריגע וואך אז די חשובע מלמד לערנט אויס יעד׳ן וואך פאר די לעכטיגע קינדער אידישע ניגונים כדי זיי זאלן זיך באקענען אביסל מער מיט די אידישע ניגונים האט די חשובע מלמד הרב חיים ראטטענשטיין אויסגעלערנט די וואך פאר די קינדער די מען עולם הבא ניגון וואס מען זינגט בחצרות קדשינו די מלמד האט אויך אויסגעלערנט די ניגון און אידיש פאר די לעכטיגע קינדערלעך.

## צוויי פרישע קינדער אריינגעקומען און די נורסערי קלאס

די וואך האבן די לעכטיגע קינדערלעך פון נורסערי ענטפאנגען נאך צוויי חשובע לעכטיגע קינדער וואס זענען געקומען לערנען מיט זיי און חדר הלא המה הילד החשוב כמר משולם פייש נ״י בן הרב ישראל מאיר עקשטיין שליט״א און די צווייטע איז הילד החשוב כמר זלמן לייב נ״י בן הרב ישעי׳ גאלדשטיין שליט״א

# וקוי השם יחליפו כח

די וואך דינסטאג זענען די לעצטיגע קינדערלעך געפארן אויף א מעכטיגע טריפ לאות זייער שווערע הארעוואני' וואס זיי האבן אריינגעלייגט דורכ'אויס די יאר און אויסגענוצט יעדע מינוט און תורה און עבודה ווי עס פאסט און ווי עס דארף צו זיין.

די טאג האט זיך שוין אנגעפאנגען גליך אינדערפרי ווען די לעצטיגע קינדערלעך האבן אנגעפאנגען די טאג מיט'ן דאווענען ערליך און מתפלל זיין אז יד גאנצע טאג זאל אריבערגיין מיט גרויס הצלחה. און דערנאך האט מען אנגעפאנגען צו לערנען די הייליגע תורה. וואס דאס האט ממשיך געווען אויף די באסעס ווען די לעצטיגע קינדער האבן ממשיך געווען מיט די לימודים אויף די באסעס און דערמיט מקיים געווען דעם ובלכתך בדרך.

און א מזל'דיגע שעה זענען די לעצטיגע קינדער אנגעקומען צום שטוב פון ידידינו עוז הרה"ח ר' חיים מרדכי דייטש הי"ו מחשובי הורי המוסדות בגלילות קרית יואל ווי דארט האט אפגעווארט צום ערשט ביים אריינגאנג צוויי הצלה קאר'ס מיט אן הצלה טראק ספעציעל געברענגט אז די לעצטיגע קינדער זאלן צו זעהן פון דערנאנט אן הצלה טראק און דערביי געהאט די מעגליכקייט צו האבן א רייד דערמיט און צו געזעהן פון דערנאנט דעם ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

דערנאך איז מען אריין אונעם חצר ווי מען האט געשפילט א מעכטיגע געים'ס מיט באלאנ'ס פון וואס די קינדער האבן זייער הנאה געהאט. דערנאך איז מען געגאנגען צו די שווים באסיין ווי די קינדער האבן געקענט שפילען מיט די ספעציעל'ן שיפן וואס איז געווען אנגעגרייט אז די לעצטיגע קינדער זאלן קענען הנאה האבן און פארברענגען בשבת אחים גם יחד אויף א ברידער'ליכע פארנעם.

דערנאך איז מען געגאנגען פארברענגען אונעם חצר ווי עס איז געווען אויפגעשטעלט ספעציעלע באלאן ריידס צו טאנצן און שפרינגען ווען דערביי האט געשפילט צו די זייט ערליכע חסידישע ניגוני פון וואס די לעצטיגע קינדערלעך האבן זייער הנאה געהאט.

נאכן שפילן א ווייל האט מען געמאכט אן הפסקה ווען די לעצטיגע קינדער האבן זיך געגאנגען וואשן און דערנאך געגעסן די נארהאפטיגע מיטאג וואס עס איז ספעציעל געווען צוגעשטעלט אויף א גאר ברייטע פארנעם וברם יזכר לטובה ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו מו"ה יצחק כ"ץ הי"ו מחשובי הורי מוסודתינו הק' וואס האט מנדב געווען א חלק ניכר פונעם מיטאג.

א געוואלדיגע מחזה הוד איז געווען ווען די לעצטיגע קינדער פון קינדערגארטן זענען אריין אונעם הויז פון משפחת דייטש און געדאווענט א ווארימע קנאקעדיגע דאווענען. ווען זיי האבן געענדיגט איז די צימער געווארן איבערגענומען דורך די כתה ב' קינדער ווי זיי האבן אינאיינעם געלערנט די חומש פון די וואך און אריינגעברענגט א קדושה און א ווארעמ'קייט און די טאג.

צום סוף ווען אלע קינדער זענען שוין גרייט געווען אהיים צוגיין נאך א פולע זאטע טאג. האט די חשובע מנב"ל המוסדות פארטיילט פאר אלע צאן קדשים א קאלטן געשמאקע אייסעס און מיט דעם האט זיך די היסטארישע טריפ געענדיגט ווען די קידנער זענען אהיים געגאנגען אויסגעשעפט אבער דערפרישט.

עס איז נישט מעגליך צו ארויסברענגען אונזער הכרת הטוב פאר ידידינו עוז העומד תמיד לימניניו מו"ה ר' חיים מרדכי דייטש הי"ו וב"ב החשובה מחשובי הורי המוסדות פארן צושטעלן די גאנצע טריפ בחפץ לב מיט אזא ווארימקייט און געטריי שאפט. השי"ת זאל העלפן ער זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודות הקודש און זעהן ווייטער אסאך אידיש נחת געזונטערהייט.

**צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות**

**אויף טעלעפאון נומבער(845) 662 8093**

# א בילד רעדט מער ווי טויזענט ווערטער













## ברוכים הבאים

פאר די לעכטיגע קינדערלעך וואס זענען אריינגעקומען לערנען
און אונזער חדר

**הילד החשוב כמר משולם פייש עקשטיין ני"ו**
**בן הרה"ג ר' ישראל מאיר שליט"א**
**חבר הנהלת רוחני ד'מוסדותינו הק'**

**הילד החשוב כמר זלמן לייב גאלדשטיין ני"ו**
**בן האברך החשוב מו"ה ישעי' הי"ו**

## ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו

**הרב צבי נחמן ראטטענבערג שליט"א**

מחשובי הורי מסודותינו הקדושים

**לרגל שמחת הכנסת בנו לעול התורה והמצוות למז"ט**

אן עקסטערע מזל טוב

**פאר הילד החשוב כמר יצחק אייזיק ני"ו – כתה א'**
**פאר הילד החשוב כמר אהרן מרדכי ני"ו – נורסערי**

צו די בר מצוה פון זייערברידער

## מודעה מטעם המערכת

**אויב ווילט איר באקומען אייך אימעיל דעם מוסדות בלעטל דאן שיקט אן אימעיל צו**

Toshmonsey8674@gmail.com

**א גוט שבת**
**ווינטשט**
**הנהלת המוסדות**

# מודעה חשובה מטעם בית חינוך לבנות

# בנות חוה ד'סאהש

מיט גרויס פרייד טוען מעלדן די פרייליכע בשורה אז מען גרייט זיך בעז"ה צו עפענען די טויער'ן פונעם בית חינוך צום אנהייב פונעם שנת הלימודים הבעל"ט דעם קומענדיג'ן מיטוואך הבעל"ט.

אלזא אויב זענט איר נאכנישט מסודר מיט'ן הנהלה רוחני אדער גשמי דאן רופט אריין אונעם צענטראל'ן אפיס ד'מוסדותינו און זייט עס מסדר ווי שנעלער כדי צו קענען אנהייבן די נייעם יאר אומ'געשטערט.

אזוי אויך פרייען מיר זיך צו מעלדן אז נאכדעם וואס די חשובע מנהלת מרת פ. קרויס תח"י האט אריינגעלייגט גאר אסאך כח צו אפיר זוכן חשובע לערערינ'ס וואס זאלן ריכטיג זיך אפגעבן מיט די לעכטיגע תלמידות איז ב"ה געלונגען צו באקומען גאר בארימטע לערערינ'ס וואס וועלן זיך בעזר השם יתברך ריכטיג אפגעבן מיט אונזערע קינדער און זיכער מאכן אז זיי שטייגן און וואקסן אויפ'ן הייליג'ן דרך.

עס איז צום האפן אז עס זאל ארויסקומען די ריכטיגע כבוד שמים דערפון און מיר זאלן זעהן ווי אונזערע לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

# ובחפץ השם בידינו יצליח

# בילדער פון די מעכטיגע טריפ



















תלמוד תורה
טאהש
מאנטי יצ'ו

# זכות כל הלימודים בשבוע זה

## פרשת כי תבא

יהא מוקדש לזכות ולעילוי נשמת

הרב החסיד המרומם

# רבי מנחם ב"ר יואל זוסמאן הכהן ז"ל

## (ענגעל)

היארצייט חל ביום ב' - י"א אלול

זכות הלמודים וזכות התפילות וזכות רבותינו הקדושים ימליצו טוב בעד נשמתו בגן עדן ובעד משפחתו החשובה העומדים תמיד לימין רבותינו ולימין מוסדותינו הקדושים עץ חיים היא למחזיקים בה אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר בכבוד ונזכה להמשיך פעולות הכבירים מתוך נחת והרחבת הדעת עד ביאת הגואל בב"א.

מזלא טבא גדיא יאה

**יתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות**

ברגשי גיל וחדוה, ובאותות אהבה וחיבה, משגרים אנו את ברכותינו החמות והלבביות, למעלת כבוד ידידינו עוז, היקר והחשוב הנכבד והנעלה, מוכתר בכל מדה ומעלה, צנתרא דדהבא, מרגניתא טבא, משליך נפשו מנגד לטובת מוסדותינו הקדושים, יקר רוח נדובה ורב תבונות, איש האשכולות, נוח לשמים ולבריות, שמו הטוב משבחים ומפארים, בהילולים ותוארים, כש"ת ה"ה

ידידינו עוז הרבני הנגיד הנכבד והמפואר

הרה"ח

# משולם איסר קרויס

הי"ו

מחשובי הורי מוסדותינו הק'

ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'

## לרגל שמחת אירוסי בנו למז"ט

הבחור החתן כמר משה יודא נ"י

עב"ג בת הרה"ח אהרן מנחם גרינבלאט הי"ו אב"י בעיר בארא פארק

## ולרגל שמחת הולדת נכדו למז"ט

אצל חתנו כבנו מו"ה אלעזר פריעדמאן הי"ו

**ובהאי שעתא שפתינו לא נכלא רב תודה על נדבותיו הטוב ברוח נדובה לטובת מוסדותינו הקדושים המתנוסס לתפארה**

ואנו תפלה לנורא עלילה, הרחמן הוא יברך אותו שיזכו לרוות מכל יוצ"ח מלא חפנים נחת, ולראות בנים ובני בנים נטעי נאמנים, והי' כעץ שתיל על פלגי מים, וכל אשר יעשה יצליח, וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, להתברך בברכה משולשת בתורה, עדי יעמוד הכהן לאורים, בביאת משיח הולך תמים בעגלא ובזמן קריב אמן,

*המברכים מתוך אהבה וחיבה: הנהלת המוסדות*

מזלא טבא גדיא יאה

**יתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות**

ברגשי גיל וחדוה, ובאותות אהבה וחיבה, משגרים אנו את ברכותינו החמות והלבביות, למעלת כבוד ידידינו עוז, היקר והחשוב הנכבד והנעלה, מוכתר בכל מדה ומעלה, צנתרא דדהבא, מרגניתא טבא, משליך נפשו מנגד לטובת מוסדותינו הקדושים, יקר רוח נדובה ורב תבונות, איש האשכולות, נוח לשמים ולבריות, שמו הטוב משבחים ומפארים, בהילולים ותוארים, כש"ת ה"ה

ידידינו עוז הרבני הנגיד הנכבד והמפואר

הרה"ח

# יואל אלחנן פאפלאנאש

הי"ו

משב"ק אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א

ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'

## לרגל שמחת אירוסי בנו למז"ט

הבחור החתן כמר אלימלך נ"י

עב"ג בת הרה"ח אליעזר זוסיא קליין הי"ו

אב"י בעיר וומ"ס

**ובהאי שעתא שפתינו לא נכלא רב תודה על נדבותיו הטוב ברוח נדובה לטובת מוסדותינו הקדושים המתנוסס לתפארה**

ואנו תפלה לנורא עלילה, הרחמן הוא יברך אותו שיזכו לרוות מכל יוצ"ח מלא חפנים נחת, ולראות בנים ובני בנים נטעי נאמנים, והי' כעץ שתיל על פלגי מים, וכל אשר יעשה יצליח, וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, להתברך בברכה משולשת בתורה, עדי יעמוד הכהן לאורים, בביאת משיח הולך תמים בעגלא ובזמן קריב אמן,

*המברכים מתוך אהבה וחיבה: הנהלת המוסדות*

# הרתודה ודהברכה

## הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

ידידינו היקר העומד תמיד לימינינו הרבני הנגיד

## הרה"ח משולם איסר קרויס שליט"א

מחשובי הורי מוסדותינו הק'-ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'

**לרגל שמחת אירוסי בנו החתן כמר משה יודא נ"ו למז"ט**

**ולרגל שמחת הולדת נכדו למז"ט**

**ולזכות בנו הילד החשוב כמר אהרן נ"ו-כתה ב'**

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן

ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה